גליון קה
פרשת חיי שרה תשפ"ה

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### כולן שוין לטובה - השתוות

◆ **בשיבה טובה**

אין די פרשה לערנט מען פון די פטירה פון אברהם און שרה, ס'ווערט צוזאם גענומען די גאנצע לעבן זייערע. אנפאנג פרשה איז די פטירה פון שרה, ויהיו חיי שרה וגו' שני חיי שרה', און סוף פרשה איז די פטירה פון אברהם, 'ואלה ימי שני חיי אברהם וגו' ויגוע וימת אברהם בשיבה טובה וגו'.

מ'דארף פארשטיין פארוואס ביי אברהם שטייט אז ער איז נפטר געווארן 'בשיבה טובה זקן ושבע', און ביי שרה שטייט עס נישט. איז בפשטות האט דאס שרה טאקע נישט געהאט, שרה האט נישט געהאט אזא גוטע לעבן, איז וואס איז פשט וואס רש"י הקדוש זאגט אנאפאנג פרשה 'כולן שוין לטובה', אלע אירע טעג זענען געווען גוטע.

ס'איז באקאנט אז 'אחרי מות קדושים', נאכן שטארבן ווערט יעדער א קדוש. ס'איז דא א שטיקל אמת צו דעם פארוואס ס'איז אזוי, ווייל די ארומיגע מענטשן באטראכטן דעם געשטארבענעם מיט א ברייטע בליק, זיי זעהן אים נישט אין זיין טאג טעגליכע שווערקייטן, זיי זען אים שוין נאך אלעס, זיי זען דעם גאנצן מענטש זיינער, זיי נעמען אים ארום מיט א אפדזשעקטיוו בליק (objective vision).

אביסעלע ענדליך צו וואס דער אור החיים הקדוש זאגט אין פרשת ויחי אז ביי די פטירה פון א מענטש נעמט זיך צוזאם זיין גאנצע לעבן. פאַר ער גייט פון דאנעט, קומט זיך זיין גאנצע לעבן צוזאם און פארנט פון זיינע אויגן, ער זעהט זיינע לעבנס טעג מיט א ברייטע און קאנצעטריטע בליק. ענדליך צו דעם איז אויך די מענטשן ארום, זיי זען נישט אלע פרטים פונעם מענטש, נאר דער מענטש זעלבסט.

די חז"ל זאגן אז ווי ס'ווערט דערמאנט א רשע, קען מען אלץ דרש'נען לרעה, און ווען א צדיק ווערט דערמאנט, קען מען אלץ דרש'נען לטובה. ווען מ'וואלט אריינגעגאנגען בפרטות, קען זיין אז מ'וואלט נישט אזוי געזאגט, אבער ווען די זעסט דער גאנצער מענטש, וועט עס אזוי גיין, אז ביי א 'צדיק' וועט ארויס שרייען

**די ארומיגע מענטשן באטראכטן דעם געשטארבענעם מיט א ברייטע בליק, זיי זעהן אים נישט אין זיין טאג טעגליכע שווערקייטן, זיי זען אים שוין נאך אלעס, זיי זען דעם גאנצן מענטש זיינער, זיי נעמען אים ארום מיט א אפדזשעקטיוו בליק**
(objective vision)

די גאנצע מציאות זיינער אלץ 'צדיק', און ס'וועט זיך אטעמאטיש דרש'נען לטובה. און ווען די זעסט דעם רשע פאר דיר, די זעסט די גאנצע מענטשהייט זיינער, קאנצעטרירט אין פארנט פון דיר, דאן זעסטו אטעמאטיש לרעה.

◆ **זקן ושבע**

אברהם אבינו האט געהאט אסאך נסיונות, אבער די תורה זאגט עדות אז סוף כל סוף איז אלעס גוט געווען, 'ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל', ווען ער איז אנגעקומען אין די עלטערע יארן, ווען זיינע לעבנס טעג האבן זיך אנגעהויבן צוזאם צונעמען, האבן זיי געשיינט פאר זיינע אויגן, ער איז נפטר געווארן 'בשיבה טובה זקן ושבע', ער האט זיך געלייגט געשמאק און זאט.

ביי שרה אמנו שטייט נישט די שטארקע לשונות, 'שרה אמנו' האט נישט זוכה געווען צו דעם דרגא פון 'זקן ושבע', אבער זי האט יא זוכה געווען אז 'כולן שוין לטובה'. ווען אונז באטראכטן די לעבן פון שרה אמנו, ווען אונז זעהן עס מיט א אינדרויסענדיגע בליק, דאן זעהן אונז אז 'כולן שוין לטובה'.

זי אליינס האט עס אפשר נישט געהאט אזוי שטארק, זי האט נישט געהאט די 'שיבה טובה' פון אברהם, אבער אונז זעהן און אונז באטראכטן צו וואס זי האט זוכה געווען, ס'שרייט זיך ארויס 'כולן שוין לטובה', יעדעס ריר פון די לעבן און שאפן פון 'שרה אמנו' איז ביי אונז א חשיבות. זי האט טאקע געהאט א שווער לעבן, אבער מיט א ברייטע בליק זעהט מען ווי סוף כל סוף האט זיך אלעס געפירט צום גוטן.

◆ **כולן שוין לטובה**

'שרה אמנו' האט ארום געוואנדערט מיט אברהם, זייענדיג ארעם ווי די נאכט, ערשט ביים ארויפקומען פון מצרים האבן זיי צום ערשטן מאל געהאט געלט ('בהחזרתו פרע הקפותיו'). זי האט געהאט שרעקליכע צרות מיט פרעה און אבימלך, יארן לאנג האט זי געווארט פאר קינדער, שווערע צרות מיט הגר און ישמעאל, און נאך אלעמען איז זי אזוי טראגיש נסתלק געווארן, ווען די שטן האט איר פלוצלינג דערשראקן.

אבער מיט אלע 'נסיונות' איז נאך אלץ שייך א כללות'דיגע בליק, א בליק פון 'השתוות', א הייליגע הרגשה וואס באגלייט אז 'כולן שוין לטובה'. אלע טוישינגן אין לעבן, צומאל גוט און צומאל פארקערט ח"ו, אבער אין די געפילן ווייסט מען דעם 'סך הכל', אין די געפילן טיף ווייסט מען דעם ברייטערן בליק, די נפשיות'דיגע בליק, ווי די נפש זעט אלעס אינאיינעם.

המשך בעמוד הבא

די נפש זעט אז 'כולן שוין לטובה'.

פון דארט באקומט דער מענטש די כח, ער כאפט נישט קיין 'התפעלות' פון אלע שינויים אין די בריאה, אביסל אזוי אביסל אזי, אביסל אהער אביסל אהין, 'כולן שוין לטובה', ס'מאכט נישט קיין גרויסע דיפערענס.

א יוד האט זיך אמאל אויסגערעדט וועגען א קינה, האב איך אים געזאגט, גיב א קוק, יעצט ביסטו פינף און פערציג, טראכט וויאזוי ס'וועט אויסקוקן ווען די וועסט זיין א זיידע פון פינף און זיבעציג, ווען אלע קינדער און אייניקליך וועלן זיך צוזאם קומען פאר א שמחה, דעמאלטס וועסטו נישט זיין פארנומען אריינצוקוקן אין יעדעם איינעם בפרטות, דארטן וועסט זען דיין משפחה בכללות, דארטן וועסט זעהן אלעמען צוזאמען, טראכט וויאזוי דיין בליק וועט זיין דעמאלטס. דער יוד האט מודה געווען, אז ווען ער טראכט פון אלעס צוזאמען מיט א ברייטע דרויסענדיגע בליק, האט עס עפעס א אנדערע טעם.

## מדת השתוות

קינדער בחורים ווערן בטבע איבערגענומען פון געפילן, אז ס'איז פרייליך ווערן זיי שטארק פרייליך, אז ס'איז טרויעריג ווערן זיי שטארק טרויעריג. ווי עלטער א מענטש ווערט, ווערט ער מער און מער קעלטער, וואס דאס מיינט אז ער ווערט נישט אזוי איבערגענומען, ווען ער איז פרייליך ווייסט ער אין זיין סאבקאנטשעס, אז באלד ענדיגט זיך עס, און ווען ער איז טרויעריג, ווייסט ער אז באלד איז עס אריבער.

ס'איז באקאנט וואס רבי ר' זושא האט געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין שלעכטס, אפילו ער איז אדורך שוועריגקייטן, אבער ס'איז נישט געבליבן זיצן אין אים, ער האט עס אויפגעהויבן, אזוי יוסף הצדיק האט געזאגט 'אלקים חשבה לטובה', מיט די יארן האט זיך אלעס מיישב געווען, מיט די יארן האט מען געזען אז אלעס האט זיך געפירט צום גוטן, און מיט די צייט האבן זיך די אלע שווערע געפילן אויסגעוועפט און בארואיג.

בשעת א מענטש האט צער מאכט ער די ברכה 'דיין האמת', מיט די ברכה הייבט ער אויף זיין צער צו אמונה און שמחה, אזוי אז מיט די צייט געדענקט ער שוין גארנישט, ער קען שוין אפילו נישט צוריק קוקן צו די צער, שוין ס'איז אלעס גוט, אלעס האט שוין לאנג אויסגעוועפט.

ספר קהלת לערנט אויס אז אלעס איז 'הבל', בשעת מ'איז אין די זאך איז עס גארנישט אזוי 'הבל', אבער נאכן ארויסגיין קוקט מען אלעס צוריק מיט א ברייטע בליק, דאן זעט מען ערשט ווי אלעס איז 'הבל', אלעס איז סתם לופט, א אויפגעבלאזענע געפיל.

שלמה המלך לערנט אונז אויס 'מידת השתוות', מיט די כח החכמה והדעת האט דער מענטש די כח צו זען ברייט, צו זען ווי אלעס וועפט אויס מיט די צייט, אלעס ווערט כפשוטו 'הבל', א לייכטע פשוטע געפיל. אביסל אהער אביסל אהין, מ'ווערט נישט צו עקסייטעט, און מ'ווערט נישט צו טרויעריג, אביסעלע יראת שמים און פארטיג.

## עתים לטובה

שלמה המלך גייט דורך אלע 'עתים', צייטן אזוי און צייטן אזוי, שלמה המלך זאגט 'ווען איך בוי, ווייס איך שוין גלייך אז אין טאג גיי איך צוברעכן', 'ווען איך צוברעך, ווייס איך שוין גלייך אז אין טאג גיי איך צוריק בויען'. 'ווען איך גיי אין א מלחמה, ווייס איך אז ס'קומט א צייט פון שלום', און 'ווען ס'איז דא שלום, ווייס איך אז ס'קומט א צייט פון מלחמה'. קיינמאל זע איך נישט נאר די יעצטיגע מצב, אלעמאל זע איך דעם גרויסן בילד, די גאנצע בילד, ווי די וועלט דרייט זיך פון איינס צום צווייטן, מ'ווערט נישט פאר גארנישט פארלוירן.

ווען מ'לעבט אינעם 'פרט' זעט מען יעדער זאך גרויס און מעידזשער (major), אבער ווען מ'באקוקט עס כללות'דיג זעט מען אז אלעס איז א קלייניגקייט. דאס העלפט ארויסברענגען דעם בליק אז 'כולן שוין לטובה', אז מ'זאל קענען אלעס אויפהייבן צו אמונה, מ'זאל קענען אלעס זעהן מיט א ברייטקייט, אז אלעס האט דער אייבישטער געפירט צום גוטן.

א יוד זאגט 'שמע ישראל', אלעס איז דער אייבישטער, דאס מיינט אז גארנישט מאכט נישט אויס, אלעס איז דאך ממילא איין זאך, אלעס איז דאך ממילא 'אחדות השם'. נאכדעם זאגט א יוד 'ברוך שם', אז אפילו יעדער זאך האט זיך זיין פרטיות'דיגע הרגשה, יעדער זאך האט זיך זיין פרטיות'דיגע צער און שמחה, יעדער זאך גיבט ארויס א אנדערע סארט געפיל, דאס איז א מציאות פאר זיך מיט דעם געפיל, און דאס איז א מציאות פאר זיך מיט א פארקערטע געפיל, אבער אלעמאל בלייבט די בעקגראנד פילינג פון 'שמע ישראל', וואס דאס באגלייט א גאנצע טאג אין אלע מצבים.

## שויתי השם

און דאס איז די לשון פון כתר שם טוב (אות רכ) "שויתי ה לנגדי תמיד, שויתי לשון השתוות, בכל דבר המאורע, הכל שוה אצלו, בין בענין שמשבחין אותו בני אדם או מבזין אותו, וכן בכל שארי דברים וכל דבר המאורע, יאמר, הלא זה נשלח מאתו יתברך, ואם בעיניו הגון כו', וזהו מדריגה גדולה מאוד".

און דאס איז די לשון פון צוואת הריב"ש (אות י) "כלל גדול השתוות, פי' שיהיה שוה אצלו אם ישבחוהו ב"א או יגנוהו, הוא דבר גדול מאוד, וכן יהיה שוה אצלו אם יחזיקוהו לחסרון ידיעה או ליודע בכל התורה כולה, ודבר הגורם לזה הוא הדביקות בהבורא תדיר, שמחמת טרדות הדבקות אין לו פנאי לחשוב בדברים אלו, שטרוד תמיד לדבק עצמו למעלה בו יתברך".

און דאס איז די לשון פון תפארת שלמה (פרשת שמות ד"ה ויסתר משה פניו) "זה כלל גדול במעלת ומדת הצדיקים הדבקים בה' תמיד שהם בבחינת ההשתוות כל הימים לא ינועו ולא ישתנו בסיבות תהפוכות הזמן מכל אשר יעבור עליהם בעולם הזה מטוב ועד רע חלילה לא יעצבו מרוב פחד ולא יתהוללו ברוב שמחה כי הכל שוה אליהם ואף כי לפעמים יראה הצדיק איזה מהדינין מתוחה חלילה על העולם הזה לא יהרהר ולא ישים על לבו בעיניו".

די ספרים ברענגען צו א שטיקל לקוטי אמרים (אגרת הקודש אות יא) "המאמין לא יחוש משום יסורין בעולם, ובכל עניני העולם, הן ולאו שוין אצלו בהשוואה אמיתית".

## מעסטן פונקטליך

אין גשמיות בויט זיך די וועלט מער און מער, די טכנלוגיה ווערט בעסער און בעסער, אונז האבן ב"ה אלעס צוגעשטעלט אויף א גאלדענע טאץ, בית הכסא'ס, סטים, ערקאנדישן און אזוי ווייטער. די גשמיות האלט און איין שטייגן, יעדער דור לייגט צו א נקודה, ס'בויט זיך מער און מער. גשמיות'דיגע חכמה בויט זיך, יעדער דור לייגט צו זיין 'נקודת החכמה' אויף די פריערדיגע, 'כננס על גבי ענק', און די חכמות העולם ווערט מער און מער געבויט.

די היינטיגע וועלט איז געבויט מיט א מורא'דיגע כח פון 'סדר', די וועלט ווערט מער און מער מסודר און פונקטליך, אלעס ווערט געבויט מיט א פונקטליכקייט, הייזער קארס שיפן עראפלאנן, אלע סארטן כלים, אלעס איז מורא'דיג פונקטליך. טראגן פון איין פלאץ צום צווייטן, שיפינג פון איין פלאץ צום צווייטן, אלעס לויפט מיט א קאמפיאטער'רייזט פונקטליכקייט. די פעקטערים לויפן מורא'דיג פונקטליך, די פעקטערים פארט ווי א באַן, איינס נאכן צווייטן, ארויס פון די מאשין, אריין אין די נעקסטע מאשין, ס'לויפט איינס נאכן צווייטן מיט א פונקטליכקייט.

> **די וועלט ווערט מער און מער מסודר און פונקטליך, אלעס ווערט געבויט מיט א פונקטליכקייט, הייזער קארס שיפן עראפלאנן, אלע סארטן כלים, אלעס איז מורא'דיג פונקטליך. טראגן פון איין פלאץ צום צווייטן, שיפינג פון איין פלאץ צום צווייטן, אלעס לויפט מיט א קאמפיאטער'רייזט פונקטליכקייט**

אפילו פעלדער, די היינטיגע ריזיגע פעלדער, ווערן געפלאנצט ריזיגע שטחים מיט א משונה'דיג פונקטליכקייט, געפלאנצט, געשניטן, געפאקט, אלעס פארט ווי א באַן, שיין און פונקטליך אויפן האר.

מעסטן, היינט איז די גאנצע זאך פון מעסטן מורא'דיג פונקטליך, מעסטן שטח, מעסטן וואג, מעסטן צייט, צייל שטיקלעך, מעסטן היץ, מעסטן תנועה, אמאליגע צייטן האט מען זיך נישט געקענט חלומ'ן פון אזא פונקטליכקייט. אלעס ווערט היינט דאקמאנטירט מיט א פונקטליכקייט, יעדער זאך וואס מ'קויפט און פארקויפט, יעדער שטאטישע זאך וכו'. אדרעסן לויפט מיט א פונקטליכקייט, טלפון נאמבערס, און אזוי ווייטער און ווייטער, די פונקטליכקייט היינט אין די וועלט אנטקעגן אמאליגע צייטן איז נישט נארמאל.

## רעכנען יארן פונקטליך

די סדר וויאזוי מ'רעכנט יארן, היינט לויפט עס מיט א סדר פון טויזענטע יארן, די יודן ניצן די סדר פון ששת ימי בראשית, היינט איז ה' אלפים תשפ"ה פון ששת ימי בראשית ביז יעצט. און די גוים ניצן זייער סדר פון צוויי טויזענט יאר צוריק, פון די התחלה פון זייער קריסטליכע ריליגיע, און היינט איז 2024.

אמאליגע צייטן האט מען נישט גענוצט פאר יארן עפעס א מסודר'דיגע סדה, מ'פלעגט ציילן די יארן לויט די מלכים, יעדעס עטליכע יאר ווען ס'איז געווארן א נייע קעניג, האט מען נאכאמאל אנגעפאנגען פון איינס. די 'מנין שטרות' איז יא געלאפן פאר הונדערטע יארן, ערשט פאר עטליכע הונדערט יאר צוריק, האבן די יודן אנגעפאנגען צו ציילן צו בריאת העולם, צו ששת ימי בראשית, וואס דאס איז די מערסטע מסודר'דיגע וועג.

זעט מען ווייטער ווי די וועלט איז זיך מער און מער מסדה, אפילו פשוטע זאכן איז נישט אלעמאל געווען מסודר אזוי ווי היינט, אפילו די פשוטע מסודר'דיג'קייט פון נאמבערס, איינזירס, צענערס, הונדערטערס. די מסודר'דיג'קייט אין רעכענען, די מסודר'דיג'קייט אין מעטער מהלך, זאכן זענען געווארן מסודר היפש שפעט אין די וועלט באשאף.

שטייט אין גמרא אז דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט מיט אלע מאטריאל, אבער ער האט איבער געלאזט פלאץ פארן מענטש אז דער מענטש זאל אלעס מסדר זיין און צוגרייטן פאר זיין באניץ. דער אייבישטער האט עס בדוקא געמאכט אזוי, אז דער מענטש זאל עס דארפן טון. און פון דעם קומט די רצון פון די מענטשהייט זיך מער און מער מסדר צו זיין, וואס דאס בויט זיך א דור נאך א דור.

## א פונקטליכע מהלך

ביים מעסטן שטחים פון קרקעות איז דא היינט אזא רעדל וואס מעסט, די רעדל מעסט מורא'דיג פונקטליך, אמאליגע צייטן האט מען געמאסטן מיט שטריק, און ווי די גמרא זאגט אין הלכות עירובי תחומין אז דאס איז נישט געווען אינגאנצן פונקטליך, אויב איין מומחה האט געמאסטן אזוי, און א אנדערע מומחה האט געמאסטן אנדערשט, אויף איין זייט פון די שטאט איז אויסגעקומען אזוי, און אויף די אנדערע זייט איז אויסגעקומען אנדערשט, איז דא הלכות וויאזוי מ'איז מכריע. מ'פלעגט ניצן א שטריק פון פופציג אמה, יעדער פופציג אמה האט מען נאכמאל אויסגעצויגן די שטריק פאר נאך פופציג אמה, וואס דאס מיינט אז בהכרח איז דארטן נבלע געווארן אביסל.

אויך ציילן איז נישט געווען אזוי גרינג אמאל, היינט קומט יעדער זאך געפאקט און אפגעציילט, היינט איז דא מאשינען וואס ציילן, אמאליגע צייטן איז ציילן געווען א עסק. אין יורה דעה (סימן קי) זעט מען אז צומאל האט מען געקענט קויפן א 'קארב אייער' נישט געציילטערהייט, געוויסע זאכן פלעגט מען מקפיד זיין אז מ'קויפט עס נישט אָן ציילן, און אנדערע זאכן האט מען צומאל יא מקפיד געווען און צומאל נישט, און געוויסע האט מען אינגאנצן נישט מקפיד געווען. ס'איז געווען אזא מושג פון קויפן בערכ'דיג, היינט איז נישט דא אזא זאך במציאות פון קויפן אסאך אויף אמאל אן ציילן, אלעס ווערט

המשך בעמוד הבא

פונקטליך געציילט.

היינט איז דא א פונקטליכע מהלך צו מעסטן קליידער און שיך, אמאליגע צייטן איז נישט געווען אין דעם קיין שום פונקטליכקייט, מ'איז אריין געקומען צום שניידער אדער צום שיסטער, ער האט דיך אפגעמאסטן, אביסל אהער און אביסל אהין, יעדעס מאל האט מען בפרטות געמאסטן, יעדער שניידער אויף זיין מהלך, און יעדעס מאל איז אויסגעקומען אביסל אנדערש, אביסעלע גרעסער און אביסעלע קלענער. און נישט געזארגט מ'האט געקענט גיין מיט א בגד וואס איז אביסל גרעסער אדער קלענער (ווי מ'זעט אין הלכות שבת סימן שא).

מעסטן היץ, אמאליגע צייטן איז נישט שייך געווען צו מעסטן היץ, ס'איז בכלל נישט געווען קיין 'סטענדירט יאניט' (Standard unit) צו מעסטן היץ. מ'טרעפט אין חז"ל דריי הגדרות צו מעסטן היץ, פושרין, יד סולדות, מעלה רתיחה, ס'איז געווען ברייטע מעסטאנגען. 'קעלווין' (a Kelvin (K).) וואס דאס איז די סארט 'יאניט' צו מעסטן היץ, דאס איז נאכנישט געווען אין יענע צייטן, דאס איז ערשט ארויסגעקומען שפעטער.

## אין די הלכה וועלט

אויך אין די הלכה'דיגע וועלט שפירט מען עס שטארק, זאכן וואס די פריערדיגע האבן זיך פארלאזט מיט א כללות'דיגע גדר, די היינטיגע אבער מאכן יא א פונקטליכע געשניטענע גדר, למשל 'מלאכת בורר' איז מותר 'סמוך לסעודה', שטייט נישט קיין פונקטליכע גדר וואס הייסט 'סמוך', די שפעטערע מאכן א גדר פון א האלבע שעה וכדומה. אלע שיעורים ווי 'כזית' 'כביצה' וכדומה, בשורש גייט עס 'לפי דעתו של רואה', אבער ווי שפעטער מאכט אלץ פונקטליכע געשניטענע הגדרות.

אז די נעמסט אזא זאך ווי 'הפסד מרובה' 'דבר האבד', ס'האט נישט דוקא א פונקטליכע הגדרה, אבער די שפעטערע וועלן יא זאגן מער פונקטליך. אזוי קענסטו אויך זען ביי פארשידענע שיעורים, אז די שפעטערע וועלן זאגן מער פונקטליך, ווי די שיעור יחוד כדי לבעול, אלע שיטות אין דעם. די שיעור פון 'כדי אכילת פרס', די שיעור פון 'מיעוט המצוי', און אזוי ווייטער און ווייטער. נעם אזא זאך ווי 'חינוך', בשורש זענען די הגדרות 'היודע להתעטף' וכו', און די שפעטערע געבן מער פונקטליכע שיעורים.

דאס איז די מציאות הבריאה, אזוי לויפט די וועלט, די מענטשהייט ארבעט אריין, צו מאכן זאכן מער און מער פונקטליך, 'ולא תהא כהנת כפונדקת', אויב אין אלעס וויל מען מאכן מער און מער פונקטליך, פארוואס זאל תורה זיין אנדערש. דאס גייט אריין אין די כח פון א בתרא, אז ווייל ער האט שוין געזען אלעס און אלעמען פאר אים, האט ער כח שארפער און פונקטליכער מגדיר צו זיין די זאך, און דאס ווערט א ביאור אויף דאס וואס די פריערדיגע האבן געזאגט.

## כל שיש בהיקפו שלשה

מענין לענין: די גמרא זאגט 'כל שיש בהיקפו שלשה טפחים יש בו רוחב טפח', א עיגול וואס זיין ארום ארום איז דריי טפחים, איז זיין ברייט א 'טפח'. א מרובע וואס איז ברייט א טפח, וועט זיין מרובע ארום ארום אויסקומען פיר טפחים, און א 'עיגול' וואס איז ברייט א טפח, וועט זיין עיגול ארום ארום אויסקומען דריי טפחים.

די ראשונים פרעגן אז ס'איז נישט אינגאנצן אויסגעהאלטן במציאות, במציאות א זאך וואס איז ברייט א טפח, איז זיין ארום ארום דריי טפחים, פוינט פערצן.

ס'איז דא אויף דעם פארשידענע תירוצים, איינער פון די תירוצים איז אז די חז"ל האבן קובע געווען די אופן המדידה פראקטיש, צומאל זענען די חז"ל מברר די פונקטליכע מציאות, און צומאל שטעלן זיי אוועק פשוט ווי אזוי ס'איז ריכטיג צו טון למעשה, אפילו דאס איז נישט די סוף הבירור אין די מציאות. ווי ס'איז באקאנט אין די לומדישע וועלט אז ס'איז דא זאכן וואס זענען א 'בירור', און ס'איז דא זאכן וואס זענען 'הנהגה'.

בפרט אמאליגע צייטן וואס 'מעסטן' איז געווען א שווערע זאך, מעסטן איז קיינמאל נישט געווען אזוי פונקטליך ווי היינט, ס'איז נישט מעגליך געווען, די אנגענומענע מהלך אין די וועלט איז געווען צו גיין מיט א געוויסע 'הנהגה' וואס איז די מערסטע קרוב צום אמת, א 'הנהגה' וואס איז פראקטיש און גוט צו ניצן. און מ'טרעפט טאקע פון די אלטע צייטן, פון די צייטן פון די בבליים, אז זיי פלעגן גיין מיט די חשבון פון 'כל שיש בהיקפו שלשה טפחים יש ברוחבו טפח', דאס איז געווען א אנגענומענע מהלך אין די וועלט, און דאס איז דאס אויך געווען די מהלך פון חז"ל מיט דעם ווען ס'איז געקומען צו הלכה.

ס'איז ידוע די ווערטער פון חזון איש (קונטרס השיעורים א, ועי' במידות ושיעורי תורה תחילת פרק ג) אז די שיעורים, אפילו די וואס מ'האט מקבל געווען מסיני, איז נישט געגעבן געווארן פונקטליך אויפן האר, נאר בקירוב ובאומד 'לפי דעתו של רואה'. וואס די ווערטער זענען א שטארקע יסוד אויף אסאך אזעלכע זאכן, אז די חז"ל האבן אוועקגעשטעלט א זאך אויף א געוויסע 'הנהגה', אפילו דאס איז נישט די סוף 'בירור' פון די זאך, וואס דאס לויפט אביסל אנדערש פון וואס אונז זענען צוגעוואוינט אין די היינטיגע וועלט אז אלעס לויפט אזוי פונקטליך.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטרסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424